# העלט קעיר פראקסי

## אויפנעמען אייער העלט קעיר אגענט אין ניו יארק סטעיט

די ניו יארק Health Care Proxy (העלט קעיר פראקסי) געזעץ ערלויבט אייך צו אויפנעמען איינעם וואס איר געטרויעט - צום ביישפיל א פאמיליע מיטגליד אדער א נאנטע פריינט - צו מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך אויב איר פארלירט די מעגליכקייט צו מאכן באשלוסן אליינס. דורך אויפנעמען א העלט קעיר אגענט, קענט איר מאכן זיכער אז העלט קעיר פראווידערס פירן אויס אייערע וואונטשן. אייער אגענט קען אויך באשליסן וויאזוי אייערע וואונטשן זענען גילטיג ווען אייערע מעדעצינישע צושטאנד טוישט זיך. שפיטעלער, דאקטוירים און אנדערע העלט קעיר פראווידערס מוזן אויספאלגן אייער אגענט'ס באשלוס אזוי ווי זיי וואלטן געווען אייער אייגענע. איר קענט געבן דעם מענטש וואס איר וועלט אויס אלס אייער העלט קעיר אגענט ווי ווייניג אדער ווי סאך אויטאריטעט וואס איר ווילט. איר קענט ערלויבן אייער אגענט צו מאכן אלע אייערע העלט קעיר באשליסן אדער נאר געוויסע. איר קענט אויך געבן פאר אייער אגענט אנווייזונגען וואס ער אדער זי מוז אויספאלגן. די בויגן קען אויך ווערן גענוצט צו דאקומענטירן אייערע וואונטשן אדער אנווייזונגען אנבאלאגט צו ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג.

# וועגן דעם העלט קעיר פראקסי בויגן

**דאס איז א וויכטיגע לעגאלע דאקומענט. איידער איר שרייבט אונטער, דארפט איר פארשטיין די פאלגנדע פאקטן:**

1. די בויגן געבט דעם מענטש וועלכן איר האט אויסגעקליבן אלס אגענט די אויטאריטעט צו מאכן אלע העלט קעיר באשלוסן פאר אייך, אריינגערעכנט די באשלוס אוועקצונעמען אדער צוצושטעלן א לעבנס-שטיצע באהאנדלונג, סיידן איר האט געזאגט עפעס אנדערש אין דעם בויגן. "העלט קעיר" מיינט יעדע באהאנדלונג, סערוויס אדער פראצעדור צו דיאגנאזירן אדער באהאנדלען אייער פיזישע אדער גייסטישע פראבלעם.
2. סיידן אייער אגענט ווייסט גענוג אייערע וואונטשן וועגן ארטיפישל נערונג און וואסער (עסן און וואסער וואס ווערן צוגעשטעלט דורך א פידינג טוב אדער אינטערווינעס ליניע), וועט ער אדער זי נישט ווערן ערלויבט צו אפזאגן אדער צושטימען צו די באשלוסן פאר אייך.
3. אייער אגענט וועט אנהייבן מאכן באשלוסן פאר אייך ווען אייער דאקטער באשטימט אז איר קענט נישט מאכן העלט קעיר באשליסן פאר זיך.
4. איר קענט שרייבן אויף דעם בויגן ביישפילן פון סארטן באהאנדלונגען וואס איר וואלט נישט געוואלט און/אדער די באהאנדלונגען וואס איר ווילט מאכן זיכער צו באקומען. די אנווייזונגען מעגן ווערן גענוצט צו באגרעניצן די באשליסונג מאכט פון דעם אגענט. אייער אגענט מוז פאלגן אייערע אנווייזונגען ביים מאכן באשלוסן פאר אייך.
5. איר דארפט נישט קיין אדוואקאט אויסצופילן דעם בויגן.
6. איר מעגט אויסקלייבן סיי וועלכע ערוואקסענע (18 יאר אדער עלטער), אריינגערעכנט א פאמיליע מיטגליד אדער א נאנטע פריינט, צו זיין אייער אגענט. אויב איר קלייבט אויס א דאקטער אלס אייער אגענט, וועט ער אדער זי מוזן אויסקלייבן צווישן זיין אייער אגענט אדער דער דאקטער וואס באהאנדלט אייך ווייל א דאקטער קען נישט טון ביידע אין די זעלבע צייט. אויך, אויב איר זענט א פאציענט אדער איינוואוינער פון א שפיטאל, א נורסינג היים אדער מענטאל היגיענע פאסיליטי, זענען דא באזונדערע באגרעניצונגען איבער נעמען איינעם וואס ארבעט פאר די פאסיליטי פאר אייער אגענט. פרעגט איינגעשטעלטע ביי די פאסיליטי מען זאל אייך ערקלערן די באגרעניצונגען.
7. פאר איר באשטימט איינעם אלס אייער העלט קעיר אגענט, רעדט עס דורך מיט אים אדער איר צו מאכן זיכער אז ער אדער זי איז גרייט צו זיין אייער אגענט. זאגט דעם מענטש וואס איר קלייבט אויס אז ער אדער זי וועט זיין אייער העלט קעיר אגענט. רעדט איבער אייער העלט קעיר וואונטשן און דעם בויגן מיט אייער אגענט. פארגעסט נישט אים אדער איר צו געבן אן אונטערגעשריבענעם קאפיע. אייער אגענט קען נישט ווערן געריכטליך אנגעקלאגט פאר העלט קעיר באשלוסן געמאכן מיט גוטע ווילן.
8. אויב איר האט באשטימט אייער מאן אדער ווייב אלס אייער העלט קעיר אגענט און שפעטער ווערט איר גע'גט אדער לעגאל צוטיילט, קען אייער געוועזענע מאן/ווייב נישט זיין ווייטער אייער געזעצליכע אגענט, סיידן איר האט עפעס אנדערש געזאגט. אויב איר ווילט אז אייער געוועזענע מאן/ווייב זאל ווייטער זיין אייער אגענט, מעגט איר דאס שרייבן אין דעם יעצטיגן בויגן און שרייבן די דאטום, אדער אויספולן א נייע בויגן אין וועלכע איר באשטימט אייער געוועזענע מאן/ווייב.
9. אפילו איר האט אונטערגעשריבן דעם בויגן, האט איר די רעכט צו מאכן אליין אייערע העלט קעיר באשלוסן אזוי לאנג ווי איר קענט דאס טון, און באהאנדלונג קען נישט ווערן געגעבן צו אייך אדער אפגעשטעלט אויב איר שטעלט זיך קעגן, ווי אויך וועט אייער אגענט נישט האבן סיי וועלכע רעכט זיך צו קעגנשטעלן.
10. איר קענט צוריקציען פון די אויטאריטעט געגעבן צו אייער אגענט דורך זאגן פאר אים אדער איר אדער פאר אייער העלט קעיר פראוויידער מינדליך אדער שריפטליך.
11. אויפנעמען א העלט קעיר אגענט איז פרייוויליג. קיינער קען אייך נישט פאדערן איר זאלט איינעם אויפנעמען.
12. איר קענט אויך אויסדרוקן אייערע וואונטשן אדער אנווייזונגען אנבאלאנגט צו ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג אויף דעם בויגן.

# אפט געפרעגטע פראגעס

**פארוואס זאל איך אויסוועלן א העלט קעיר אגענט?**

אויב איר ווערט אומפעאיג, אפילו צייטווייליג, צו מאכן העלט קעיר באשלוסן, מוז איינער אנדערש באשליסן פאר אייך. העלט קעיר פראוויידערס קוקן אפט צו פאמיליע מיטגלידער פאר אנווייזונגען. פאמיליע מיטגלידער קענען אויסדרוקן וואס זיי טראכטן אייערע ווינטשן זענען פארבינדן צו א געוויסע באהאנדלונג. אויסנעמען אן אגענט לאזט אייך קאנטראלירן אייער מעדעצינישע באהאנדלונג דורך:

- ערלויבן אייער אגענט צו מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך אזויווי איר וואלט זיי געוואלט באשליסן;
- אויסוועלן איין מענטש צו מאכן העלט קעיר באשלוסן ווייל איר טראכט אז יענע מענטש וואלט געמאכט די בעסטע באשלוסן;
- אויסוועלן איין מענטש צו פארמיידן קאנפליקט אדער צומישעניש צווישן פאמיליע מיטגלידער און/אדער ווייטיגע אנדערע.

איר קענט אויך אויפנעמען אן ערזאץ אגענט איבערצונעמען אויב אייער ערשטע אויסוואל קען נישט מאכן באשלוסן פאר אייך.

**ווער קען זיין א העלט קעיר אגענט?**

סיי ווער 18 יאר אלט אדער עלטער קען זיין א העלט קעיר אגענט. דער מענטש וואס איר נעמט אויף אלס אייער אגענט אדער ערזאץ אגענט קען נישט אונטערשרייבן אלס עדות אויף אייער העלט קעיר פראקסי בויגן.

**וויאזוי באשטים איך א העלט קעיר אגענט?**

אלע פעאיגע ערוואקסענע, 18 יאר אלט אדער עלטער, קענען אויפנעמען א העלט קעיר אגענט דורך אונטערשרייבן א בויגן גערופן א העלט קעיר פראקסי. איר דארפט נישט אן אדוואקאט אדער נאטארי, נאר צוויי ערוואקסענע עדות. אייער אגענט קען נישט אונטערשרייבן אלס עדות. איר קענט נוצן דעם בויגן געדרוקט דא, אבער איר דארפט נישט נוצן דעם בויגן.

**ווען וואלט מיין העלט קעיר אגענט אנגעהויבן מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר מיר?**

אייער העלט קעיר אגענט וואלט אנגעהויבן מאכן העלט קעיר באשלוסן נאך אייער דאקטער באשליסט אז איר קענט נישט מאכן אליין אייערע העלט קעיר באשלוסן. אזוי לאנג ווי איר קענט מאכן אליין אייערע העלט קעיר באשלוסן, וועט איר האבן די רעכט דאס צו טון.

**וועלכע באשלוסן קען מיין העלט קעיר אגענט מאכן?**

סיידן איר באגרעניצט אייער העלט קעיר אגענט'ס אויטאריטעט, וועט אייער אגענט קענען מאכן סיי וועלכע העלט קעיר באשלוסן וואס איר וואלט געקענט מאכן אויב איר וואלט געקענט באשליסן פאר זיך. אייער אגענט קען צושטימען אז איר זאלט באקומען באהאנדלונג, אויסוועלן צווישן פארשידענע באהאנדלונגען און באשליסן אז באהאנדלונגען זאלן נישט ווערן געגעבן, אין איינקלאנג מיט אייערע ווינטשן און אינטערעסן. פונדעסטוועגן, אייער אגענט קען נאר מאכן באשלוסן וועגן ארטיפישל דערנערונג און וואסער (עסן און וואסער וואס ווערן צוגעשטעלט דורך א פידינג טוב אדער אינטערווינעס ליניע) אויב ער אדער זי ווייסט אייערע ווינטשן פון וואס איר האט געזאגט אדער וואס איר האט געשריבן. די העלט קעיר פראקסי בויגן גיבט נישט אייער אגענט צו מאכן נישט-געזונטהייט באשלוסן פאר אייך, אזויווי פינאנציעלע באשלוסן.

**פארוואס דארף איך אויפנעמען א העלט קעיר אגענט אויב איך בין יונג און געזונט?**

אויפנעמען א העלט קעיר אגענט איז א גוטע עצה אפילו אויב איר זענט נישט עלטער אדער קריטיש קראנק. א העלט קעיר אגענט קען ארבעטן פאר אייך אויב איר ווערט אפילו צייטווייליג נישט פעאיג צו מאכן אייער אייגענע העלט קעיר באשלוסן (אזאנס קען פאסירן אויב איר זענט אונטער אלגעמיינע אנעסטיזשע אדער זענט געווארן פארשלאפט צוליב אן עקסידענט). ווען איר ווערט צוריק פעאיג צו מאכן אייער אייגענע העלט קעיר באשלוסן, וועט אייער העלט קעיר אגענט מער נישט זיין אויטאריזירט צו נעמען שריט.

**וויאזוי וועט מיין העלט קעיר אגענט מאכן באשלוסן?**

אייער אגענט מוז אויספאלגן אייערע ווינטשן, ווי אויך אייער מאראלישע און רעליגיעזע גלויבונגען. איר קענט שרייבן אנווייזונגען אויף אייער העלט קעיר פראקסי בויגן אדער פשוט עס איבעררעדן מיט אייער אגענט.

# אפט געפרעגטע פראגעס, *continued*

**וויאזוי וועט מיין העלט קעיר אגענט וויסן מיינע וואונטשן?**
האבן אן אפענע און אויפריכטיגע שמועס איבער אייערע וואונטשן מיט אייער העלט קעיר אגענט וועט אים אדער איר לייגן אין א בעסערע פאזיציע צו סערווירן אייערע אינטערעסן. אפילו אויב אייער אגענט ווייסט נישט אייערע וואונטשן אדער גלויבונגען, איז אייער אגענט געריכטליך געפאדערט צו דינען אין אייער בעסטע אינטערעסע. ווייל דאס איז א גרויסע פאראנטווארטליכקייט פאר די מענטש וואס איר נעמט אויף אלס אייער העלט קעיר אגענט, זאלט איר האבן א שמועס מיט די מענטש איבער וועלכע סארטן באהאנדלונגען איר וואלט יא אדער נישט געוואלט אונטער געוויסע סארטן אומשטענדן, אזוי ווי:

- אויב איר וואלט געוואלט לעבנס שטיצע אנגעהויבן/אנגעהאלטן/אוועקגענומען אויב איר זענט אין א פערמאנענט קאומא;
- אויב איר וואלט געוואלט באהאנדלונגען אנגעהויבן/אנגעהאלטן/אוועקגענומען אויב האט א קריטישע קראנקהייט;
- אויב איר וואלט געוואלט ארטיפישל דערנערונג און וואסער אנגעהויבן/צוריקגעהאלטן אדער אנגעהאלטן אדער אוועקגענומען אונטער וועלכע סארטן אומשטענדן.

**קען מיין העלט קעיר אגענט קעגנשטעלן מיינע וואונטשן אדער פריערע באהאנדלונג אנווייזונגען?**
ניין. אייער אגענט איז פארליכטעט צו מאכן באשלוסן באזירט אויף אייערע וואונטשן. אויב איר האט קלאר אויסגעדרוקט געוויסע וואונטשן, אדער געגעבן געוויסע באהאנדלונג אנווייזונגען, האט אייער אגענט א פליכט אויסצופאלגן יענע וואונטשן אדער אנווייזונגען סיידן ער אדער זי האט א גוטע ווילן באשלוס פארן גלייבן אז אייערע וואונטשן האבן זיך געטוישט אדער זענען נישט גילטיג פאר די אומשטענדן.

**ווער וועט זיך צוהערן צו מיין אגענט?**
אלע שפיטעלער, נורסינג היימען, דאקטוירים און אנדערע העלט קעיר פראוויידערס זענען לעגאל געפאדערט צו צושטעלן אייער העלט קעיר אגענט מיט די זעלבע אינפארמאציע וואס וואלט געווארן צוגעשטעלט צו אייך און צו שעצן די באשלוסן פון אייער אגענט אזויווי זיי וואלטן געווארן געמאכט דורך אייך. אויב א שפיטאל אדער נורסינג היים שטעלט זיך קעגן צו געוויסע אפציעס פון באהאנדלונג (אזויווי אוועקנעמען געוויסע באהאנדלונג) מוזן זיי זאגן פאר אייך אדער אייער אגענט פאר אדער ביי אדמישאן, אויב לאגיש מעגליך.

**וואס איז אויב מיין העלט קעיר אגענט איז נישט אווילעבל ווען באשלוסן מוזן ווערן געמאכט?**
איר קענט אויפנעמען אן ערזאץ אגענט צו באשליסן פאר אייך אויב אייער העלט קעיר אגענט איז נישט אווילעבל, נישט פעאיג אדער נישט וויליג צו מאכן באשלוסן ווען באשלוסן מוזן ווערן געמאכט. אויב נישט, וועלן העלט קעיר פראוויידערס מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך וואס פאלגן נאך אנווייזונגען וואס איר האט געגעבן ווען איר האט נאך געקענט. סיי וועלכע אנווייזונגען וואס איר שרייבט אויף אייער העלט קעיר פראקסי בויגן וועלן אנווייזן העלט קעיר פראוויידערס אונטער די אומשטענדן.

**וואס איז אויב איך טויש מיין באשלוס?**
עס איז גרינג צוריקצוציען פון אייער העלט קעיר פראקסי, צו טוישן די מענטש וואס איר האט אויסגעוועלט אלס אייער אייער העלט קעיר אגענט אדער טוישן סיי וועלכע אנווייזונגען אדער באגרעניצונגען וואס איר האט אריינגעלייגט אין דעם בויגן. פולט פשוט אויס א נייע בויגן. ווי אויך, קענט איר אנצייכענען אז אייער העלט קעיר פראקסי לויפט אפ אויף א געוויסע דאטום אדער אויב געוויסע געשעענישן פאסירן. אויב נישט, וועט די העלט קעיר פראקסי זיין גילטיג נישט קיין חילוק וואס. אויב איר וועלט אויס אייער מאן אדער ווייב אלס אייער העלט קעיר אגענט אדער אלס אייער ערזאץ, און ווערט געג'גט אדער לעגאל צוטיילט, איז די אויפנעמונג אויטאמאטיש אפגעזאגט. אבער, אויב איר ווילט אז אייער געוועזענע מאן/ווייב זאל ווייטער זיין אייער אגענט, מעגט איר דאס שרייבן אין דעם יעצטיגן בויגן און שרייבן די דאטום אדער אויספילן א נייע בויגן אין וועלכע איר באשטימט אייער געוועזענע מאן/ווייב.

**קען מיין העלט קעיר אגענט זיין לעגאל שולדיג פאר באשלוסן געמאכט פאר מיר?**
ניין. אייער העלט קעיר אגענט וועט נישט זיין שולדיג פאר באשלוסן געמאכט פאר אייך מיט גוטע ווילן. אויך, קען ער אדער זי נישט ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך פאר קאסטן פון אייער קעיר, נאר ווייל ער אדער זי איז אייער אגענט.

# אפט געפרעגטע פראגעס, *continued*

**איז א העלט קעיר פראקסי די זעלבע ווי א צוואה ביים לעבן?**
ניין. א צוואה ביים לעבן איז א דאקומענט וואס שטעלט אויס ספעציפישע אנווייזונגען וועגן העלט קעיר באשלוסן. איר קענט לייגן אזעלכע אנווייזונגען אויף אייער העלט קעיר פראקסי בויגן. די העלט קעיר פראקסי ערלויבט אייך צו אויסוועלן איינעם וואס איר געטרויעט צו מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך. אנדערש פון א צוואה ביים לעבן, פארלאנגט נישט א העלט קעיר פראקסי אז איר זאלט באשליסן פאראויס סיי וועלכע באשלוסן וואס קענען אויפקומען. אנשטאט דעם, קען אייער העלט קעיר אגענט אפטייטשן אייערע וואונטשן ווען מעדיצינישע אומשטענדן טוישן זיך און מאכן באשלוסן וואס וואס איר וואלט נישט געקענט וויסן אז זיי וועלן מוזן געמאכט ווערן.

**וואו זאל איך האלטן מיין העלט קעיר פראקסי נאך עס איז אונטערגעשריבן?**
געבט א קאפיע צו אייער אגענט, אייער דאקטער, אייער אדוואקאט און סיי וועלכע אנדערע פאמיליע מיטגלידער אדער נאנטע פריינט וואס איר ווילט. האלט א קאפיע אין אייער טייסטער אדער בערזל אדער מיט אנדערע וויכטיגע פאפירן, אבער נישט אין א פלאץ וואו קיינער קען נישט האבן צוטריט צו, ווי א זיכערע דעפאזיט קעסטל. ברענגט א קאפיע אויב איר ווערט ארייגענומען אין שפיטאל, אפילו פאר א קליינע אפעראציע, אדער אויב איר גייט דורך אן אוטפעישאנט אפעראציע.

**קען איך נוצן די העלט קעיר פראקסי בויגן אויסצודרוקן מיינע וואונטשן איבער ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג?**
יא. נוצט די פרייוויליגע ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג אפטיילונג אויף דעם העלט קעיר פראקסי בויגן און מאכט זיכער צו האבן דעם אפטיילונג צוגעזען דורך צוויי מענטשן. איר קענט ארויסשרייבן אויב אייערע ארגאנען, אויגן און/אדער טישוס זאלן ווערן גענוצט פאר איבערפלאנצונג, פארשונג אדער עדיוקעישאנעל צוועקן. סיי וועלכע באגרעניצונג(ען) מיט אייערע וואונטשן זאלן ווערן אנגעצייכנט אויף דעם טייל פון די פראקסי. **פארפעלן אריינצולייגן אייערע וואונטשן און אנווייזונגען אויף אייער העלט קעיר פראקסי בויגן וועט נישט גענומען ווערן צו מיינען אז איר ווילט נישט זיין אן ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייער.**

**קען מיין העלט קעיר אגענט מאכן באשלוסן פאר מיר איבער ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג?**
יא. אנגעהויבן פון אוגוסט 26, 2009, איז אייער העלט קעיר אגענט אויטאריזירט צו מאכן באשלוסן נאך אייער טויט, אבער נאר די אנבאלאנגט ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג. אייער העלט קעיר אגענט מוז מאכן אזעלכע באשלוסן ווי באצייכנט אויף אייער העלט קעיר פראקסי בויגן.

**ווער קען צושטימען צו א ביישטייערונג אויב איך וועל אויס נישט יעצט צו זאגן מיינע באשלוסן?**
עס איז וויכטיג צו באצייכענען אייערע וואונטשן איבער ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג צו אייער העלט קעיר אגענט, אדער "העלט קעיר פראקסי," פאמיליע מיטגלידער, און די מענטש פאראנטווארטליך פאר דיספאזישאן פון אייערע איבערבלייבענישן. אויב איר האט נאכנישט געמאכט אייער וואונטשן צו ווערן, אדער נישט ווערן, אן ארגאן און/אדער טישו ביישטייער באוואוסט, שטעלט ניו יארק סטעיט צו א ליסטע פון אינדיווידועלן וואס זענען אויטאריזירט צו צושטימען צו ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג פאר אייך. זיי זענען אויסגערעכנט ווי פאלגענד, אין סדר פון פריאריטעט: אייער העלט קעיר אגענט/פראקסי; אייער מאן/ווייב אויב איר זענט נישט לעגאל צושיידט, אדער אייער דאמעסטישער פארטנער; א זון אדער טאכטער 18 יאר אלט אדער עלטער; יעדער איינער פון אייערע עלטערן; א ברודער אדער שוועסטער 18 יאר אלט אדער עלטער; אן ערוואקסענע אייניקל; א זיידע/באבע; א גארדיאן באשטימט פאר אייך דורך א געריכט פאר אייער טויט; אדער סיי וועלכע אנדערע מענטש אויטאריזירט אוועקצופירן אייער קערפער.

# העלט קעיר פראקסי בויגן אנווייזונגען

**ארטיקל (1)**
שרייבט די נאמען, היים אדרעס און טעלעפאן נומער פון וועמען איר קלייבט אויס אלס אייער אגענט.

**ארטיקל (2)**
אויב איר ווילט אויפנעמען אן ערזאץ אגענט, שרייבט די נאמען, היים אדרעס און טעלעפאן נומער פון ווענען איר קלייבט אויס אלס אייער ערזאץ אגענט.

**ארטיקל (3)**
אייער העלט קעיר פראקסי וועט זיין גילטיג אויף אייביג סיידן איר פארשרייבט אן אפלויף דאטום אדער באדינגונגען אין וועלכע עס וועט אפלויפן. די טייל איז פרייוויליג און מוז נאר ווערן אויסגעפולט אויב איר ווילט אייער העלט קעיר פראקסי זאל אפלויפן.

**ארטיקל (4)**
אויב איר האט ספעציעלע אנווייזונגען פאר אייער אגענט, שרייבט זיי דא. אויך, אויב איר ווילט באגרעניצן אייער אגענט'ס אויטאריטעט אין סיי וועלכע וועג, מעגט איר עס דא זאגן אדער רעדן וועגן דעם מיט אייער העלט קעיר אגענט. אויב איר שטעלט נישט אוועק קיין שום באגרעניצונג, וועט אייער אגענט מעגן מאכן אלע העלט קעיר באשלוסן וואָס איר וואלט געקענט מאכן, אריינרעכענדיג די באשלוס צוצושטימען צו אדער אפזאגן א לעבנס-שטיצע באהאנדלונג.

אויב איר ווילט געבן אייער אגענט א ברייטע אויטאריטעט, קענט איר עס טון דא אויף דעם בויגן. שרייבט פשוט: איך האב איבערגערעדט מיינע וואונטשן מיט מיין העלט קעיר אגענט און ערזאץ און זיי ווייסן וואס מיין ווילן איז, אריינגערעכנט וועגן ארטיפישל נערונג און וואסער.

אויב איר ווילט געבן מער ספעציפישיע אנווייזנוגען, קענט איר זאגן:

*אויב איך ווער קריטיש קראנק, וויל איך/וויל איך נישט באקומען די פאלגענדע סארטן באהאנדלונגען...*

*אויב איך בין אין א קואמא אדער האב וויניג באוואוסטזיניג פארשטענדעניש, אן האפענונג געזונט צו ווערן, וויל איך/וויל איך נישט די פאלגענדע סארטן באהאנדלונגען:...*

*אויב איך האב א מח שעדיגונג אדער מח קראנקהייט וואס לאזט מיך נישט דערקענען מענטשן אדער רעדן און עס איז נישט דא קיין האפענונג עס זאל בעסער ווערן, וויל איך/וויל איך נישט די פאלגענדע סארטן באהאנדלונגען:...*

*איך האב גערעדט מיט מיין אגענט וועגן מיינע וואונטשן וועגן____________ און איך וויל אז מיין אגענט זאל מאכן אלע באשלוסן וועגן די טעמעס.*

ביישפילן פון מעדיצינישע באהאנדלונגען וועגן וועלכע איר ווילט מעגליך געבן אייער אגענט באזונדערע אנווייזונגען זענען אויסגערעכנט אונטן. דאס איז נישט א גאנצע ליסטע:

- ארטיפישעל אטעמען
- ארטיפישל נערונג און וואסער (עסן און וואסער וואס ווערן צוגעשטעלט דורך א פידינג טוב)
- קארדיא-פאלמענערי רעסוסיטעישאן (CPR)
- אנטי-פסיכיאטיק מעדיצין
- עלעקטראנישע שאק טעראפיע
- אנטיביאטיק
- אפעראציע פראצעדורן
- דיאליסיס
- איבערפלאנצונג
- בלוט טראנספוזיעס
- אבארשאן
- סטעריליזאציע

**ארטיקל (5)**
איר מוזט שרייבן די דאטום און אונטערשרייבן די העלט קעיר פראקסי בויגן. אויב איר קענט נישט אליין אונטערשרייבן, מעגט איר אנווייזן איינעם אנדערש אונטערצושרייבן אין אייער אנוועזנהייט. מאכט זיכער צו אריינשרייבן אייער אדרעס.

**ארטיקל (6)**
איר קענט דערקלערן וואונטשן אדער אנווייזונגען וועגן ארגאן, אויג און /אדער טישו ביישטייערונג אויף דעם בויגן. ניו יארק סטעיט ערלויבט געוויסע אינדיווידועלן, אין סדר פון פריאריטעט, צו צושטימען צו אן ארגאן, אויג און /אדער טישו ביישטייערונג פאר אייך: אייער באשטימטע העלט קעיר אגענט/פראקסי; אייער באשטימטע אגענט צו קאנטראלירן די אוועקפירונג פון אייער קערפער; אייער מאן/ווייב אויב איר זענט נישט לעגאל צושיידט, אדער אייער דאמעסטישער פארטנער; א זון אדער טאכטער 18 יאר אלט אדער עלטער; יעדער איינער פון אייערע עלטערן; א ברודער אדער שוועסטער 18 יאר אלט אדער עלטער; אן ערוואקסענע אייניקל; א זיידע/באבע; א גארדיאן באשטימט דורך א געריכט פאר אייער טויט; אדער סיי וועלכע אנדערע מענטש אויטאריזירט אוועקצופירן אייער קערפער.

**ארטיקל (7)**
צוויי עדים 18 יאר אלט אדער עלטער מוזן אונטערשרייבן די העלט קעיר פראקסי בויגן. די מענטש וואס איז באשטימט אלס אייער אגענט אדער ערזאץ אגענט קען נישט אונטערשרייבן אלס עדות.

# העלט קעיר פראקסי

(1) **איך,** ____________________
נעם דא אויף ____________________
*(נאמען, היים אדרעס און טעלעפאן נומער)*

____________________

____________________

*אלס מיין העלט קעיר אגענט צו מאכן סיי וועלכע און אלע העלט קעיר* באשלוסן פאר מיר, אויסער ווי ווייט איך זאג עפעס אנדערש. די פראקסי וועט ווערן גילטיג נאר ווען און אויב איך ווער נישט פעאיג אליין צו באשליסן וועגן מיין העלט קעיר באשלוסן.

(2) **פרייוויליג: ערזאץ אגענט**

אויב די מענטש וואס איך נעם אויף איז נישט פעאיג, נישט וויליג אדער נישט אוועילעבל צו זיין מיין העלט קעיר אגענט, נעם איך דא אויף ____________________
*(נאמען, היים אדרעס און טעלעפאן נומער)*

____________________

____________________

אלס מיין העלט קעיר אגענט צו מאכן סיי וועלכע און אלע העלט קעיר באשלוסן פאר מיר, אויסער ווי ווייט איך זאג עפעס אנדערש.

(3) סיידן איך צו עס צוריק אדער שרייב אן אפלויף דאטום אדער באדינגונגען אין וועלכע עס וועט אפלויפן, וועט די פראקסי בלייבן גילטיג אויף שטענדיג. (*פרייוויליג: אויב איר ווילט די פראקסי זאל אפלויפן, שרייבט דא די דאטום אדער די באדינגונגען.)* די פראקסי וועט אפלויפן *(שרייבט דאטום אדער באדינגונגען):*

____________________

____________________

(4) **פרייוויליג:** איך זאג אן מיין העלט קעיר אגענט צו מאכן העלט קעיר באשלוסן לויט מיין ווילן און מיינע באגרעניצונגען, לויט וואס ער אדער זי ווייסט, אדער לויט וואס עס איז ווייטער פארשריבן. *(אויב איר ווילט באגרענעצן אייער אגענט'ס אויטאריטעט צו מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך אדער איר ווילט געבן ספעציפישע אנווייזונגען, קענט איר דא שרייבן אייערע וואונטשן אדער באגרעניצונגען.)* איך זאג אן מיין העלט קעיר אגענט צו מאכן העלט קעיר באשלוסן לויט מיין ווילן און מיט די פאלגענדע באגרעניצונגען און/אדער אנווייזונגען *(לייגט צו נאך בלעטער ווי נויטיג):*

____________________

____________________

כדי אייער אגענט זאל קענען מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך איבער ארטיפישל נערונג און וואסער *(עסן און וואסער וואס ווערן צוגעשטעלט דורך א פידינג טוב)*, מוז אייער אגענט מעסיג וויסן אייערע וואונטשן. איר קענט אדער זאגן אייער אגענט אייערע וואונטשן, אדער עס שרייבן אין דעם אפטיילונג. זעט די אנווייזונגען פאר ביישפיל שפראך וואס איר קענט נוצן אויב איר ווילט ארייננרעכענען אייערע וואונטשן אין דעם בויגן, ארייננגערעכנט אייערע וואונטשן וועגן ארטיפישל נערונג און וואסער.

**(5) אייער אידענטיפיצירונג** *(ביטע דרוקט)*

אייער נאמען ______________________

אייער אונטערשריפט ______________________ דאטום ____________

אייער אדרעס ______________________

**(6) פרייוויליג: ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג**

איך מאך דא א גלידער געשאנק, צו זיין גילטיג ביי דיין טויט, פון:
*(צייכנט סיי וועלכע וואס זענען גילטיג)*

- ☐ סיי וועלכע ארגאנען, אויגן און/אדער טישוס וואס מען דארף
- ☐ די פאלגענדע ארגאנען, אויגן און/אדער טישוס ______________________

______________________

- ☐ באגרעניצונגען ______________________

אויב איר שרייבט נישט אייער ווילן אדער אנווייזונגען וועגן ארגאן, אויג און/אדער טישו ביישטייערונג אויף דעם בויגן, וועט מען פון דעם נישט פארשטיין אז איר ווילט נישט ביישטייערן אדער אז איר ווילט נישט ערלויבן א מענטש, וואס איז אנדערשוויִיז אויטאריזירט לויט דעם געזעץ, צוצושטימען צו א ביישטייערונג פאר אייך.

אייער אונטערשריפט ______________________ דאטום ____________

**(7) Statement by Witnesses** *(עדות מוזן זיין 18 יאר אלט אדער עלטער און קענען נישט זיין די העלט קעיר אגענטאדער ערזאץ)*

איך דערקלער אז איך קען פערזענליך די מענטש וואס האט אונטערגעשריבן די דאקומענט און זעט מיר אויס צו זיין ביי זיין קלארן שכל און אז זיינע/אירע מעשים זענען פון זיין/איר אייגענעם פרייען ווילן. ער אדער זי האט אונטערגעשריבן (אדער געבעטן איינעם אנדערש אונטערצושרייבן פאר אים אדער איר) די דאזיגע בויגן אין מיין אנוועזנהייט.

**עדות 1**

דאטום ______________________

נאמען *(דרוקט)* ______________________

אונטערשריפט ______________________

אדרעס ______________________

______________________

**עדות 2**

דאטום ______________________

נאמען *(דרוקט)* ______________________

אונטערשריפט ______________________

אדרעס ______________________

______________________

NEW YORK STATE | Department of Health